**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אפליקאציע געעפנט פאר 2023 'קערי געבעי' סקאלערשיפ פראגראם**

***פינף מוסטערהאפטיגע אנהויבנדע סטודענטן וועלן אויסגעקליבן ווערן צו באקומען פולע SUNY סקאלערשיפ***

***אינטערעסירטע מענטשן ווערן ערמוטיגט צו אפלייען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) נעמט יעצט אן די אפליקאציעס פאר די 2023 קערי געבעי מעמאריעל סקאלערשיפ. קערי געבעי, א לויער און פובליק בעאמטער האט געארבעט אין די גאווערנער'ס קאונסעל'ס אפיס, און ער איז געפאלן אן אומשולדיגער קורבן פון גאן פארברעכן, טראגיש אומקומענדיג אין 2015; די סקאלערשיפ באעהרט זיין לעבן און שאפן.

"די קערי געבעי סקאלערשיפ פייערט סטודענטן וועלכע זענען פירער אין זייער קאמיוניטי און וועלכע ארבעטן צו מאכן ניו יארק פאר א בעסערע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און פארברענגען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "קערי געבעי, אויפגעצויגן אין די בראנקס פובליק סקולס און האבנדיג געווען אן איבערגעגעבענער פובליק בעאמטער, איז געווען מוסטער פון די 'ניו יארקע טרוים' אין עכט, און איך בין שטאלץ אז די אנגייענדע סקאלערשיפ באעהרט זיין אנדענק."

יעצט אין די אכטע יאר, שטעלט דער פראגראם צו א סקאלערשיפ פאר די פולע שכר לימוד פאר פינף אנהויבנדע SUNY סטודענטן וועלכע שטעלן ביישפילן פון געבעי'ס איבערגעגעבנקייט צו געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט, פירערשאפט און הדרכה פאר אנדערע, ווי אויך זיין פערזענליכע געשיכטע פון אקאדעמישע הצלחה און פון איבערקומען די שוועריגקייטן פון אן עקאנאמיש-שוואכערע הונטערגרונט.

**אפליקאציע זענען פארעפנטליכט [דא](#) און דארפן אריינגעגעבן ווערן ביז סעפטעמבער 22.**

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוניאר האט געזאגט,** "קערי געבעי האט אנערקענט אז נישט יעדער איינער האט גלייכע צוטריט צו די מיטלען וואס זענען נויטיג צו קענען ערגרייכן זייערע ציהלן. קערי האט זיך אנגעטראפן אין באדייטנדע שטרויכלונגען אויף זיין אייגענע וועג, אבער ער איז געווען אנטשלאסן צו מצליח זיין אין יעדן פאל, און ער האט טאקע [מצליח געווען]. דורכאויס זיין לויבווערדיגע קאריערע אין פובליק דינסט האט ער געשטערעבט צו העלפן אנדערע איבערקומען שטרויכלונגען אזוי ווי ער האט. קערי איז געווען אן אינספיראציע פאר די צווישן אונז וועלכע האבן אים געקענט, און עס איז אן עהרע צו אנדענקן זיין לעבן און שאפן מיט די סקאלערשיפ."

**גרונדערין פון די קערי געבעי פאונדעישען, טרענעל געבעי, האט געזאגט,** "אויב קערי וואלט נאך געווען דא מיט אונז, ווייס איך ווי שטארק ער וואלט דאנקבאר געווען פאר דעם פראגראם און פאר די ארבעט דערפון צו אראפברעכן שטרויכלונגען פאר יונגווארג פון שווארצע הונטערגרונטן. כאטש קערי'ס לעבן איז אוועקגענומען געווארן אין א זינלאזע אקט פון גאן פארברעכן, דאך לעבט זיין שאפן און איבערגעגעבנקייט צו פובליק דינסט ווייטער אן דורך די סקאלערשיפ. א דאנק פאר גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו באעהרן קערי'ס לעבן און ווערק."

געבעי איז אויפגעצויגן געווארן אין פובליק האוזינג, און ער איז געגאנגען אין פובליק סקול אין די בראנקס. נאך א ערפאלגרייכע היי סקול קאריערע האט ער פארגעזעצט צו גראדואירן פון הארווארד אוניווערסיטעט און פון די הארווארד געזעץ סקול. ער איז געווען איבערגעגעבן צו פובליק דינסט און צוריקגיבן פאר זיינע ארומיגע, און בשעת'ן זיין אין הארווארד אוניווערסיטעט איז ער געלאפן צו ווערן דער פרעזידענט פון די סטודענטן פארבאנד. געבעי האט געארבעט מידלאזערהייט אין פובליק דינסט, אנהויבנדיג אין 2011 אלץ געהילף ראטגעבער צו דער געוועזענער גאווערנער און פארגעזעצט אלץ פוירסט דעפיוטי קאונסעל פון די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט קערפערשאפט.

די קערי געבעי מעמאריעל סקאלערשיפ וועט ווידעראמאל שענקען א פולע סקאלערשיפ פאר פינף סטודענטן וועלכע גייען צו פיר-יעריגע פראגראמען אין SUNY קאלעדזשעס אנהויבנדיג אין די 2023-24 סקול יאר. די סקאלערשיפס וועלן דעקן אלע קאסטן פון גיין אין קאלעדזש, אריינרעכענענדיג שכר לימוד, דארמיטארי, קאלעדזש צוצאלונגען, ביכער און סופלייס, טראנספארטאציע און פערזענליכע אויסגאבן. סקאלערשיפ געווינער וועלן אויך אנטייל נעמען אין א מענטארינג פראגראם.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק – וואס פייערט היי יאר איר 75'סטע יאר – איז די גרעסטע ברייטע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון איינס פון SUNY'ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. אריבער די סיסטעם האט SUNY פיר אקאדעמישע העלט צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיקעל סקולס, צוויי דענטעל סקולס, א געזעץ שולע, די לאנד'ס עלטסטע שיפעריי סקולס, די סטעיט'ס איינציגסטע קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און זי פארוואלטעט אויך אויף איין נאציאנאלע לאבארעטאריע פון די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן אריבער די גאנצע סיסטעם זענען קרוב צו 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2022, אריינרעכענענדיג באדייטנדע ביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט [www.suny.edu](http://www.suny.edu).

###